אין װײַנקלער (270 -

װוּנדערלעך געמיש פֿון פֿאַנטאַזיע – און – װאָר

סאַטיריש בילד פֿון אַ װײַנקלער
אין װײַמאַר
פּוסטע געשרייען, ייִאוש,
שכּרות

צװײ-בעלי-חיים: נישט אַ סך צום לעבן

[273 אור – מיטאָס פֿונעם טפֿל געשריגן
װײַס אויף שװאַרץ אַ׳ אַן אַלטן נאַכט
דער נאַרט שלעפֿער אין טיגערפֿעל

װען די ערדישע װאַסערן טרינקען
אויס פֿון שיכּורים אויף דער װאַנט

אין װײַנקלער
שיכּורים און שכּרות
דער נאַרט װעכטער
דאָס ספֿרל פֿון ייִאוש
מזל-עמדה דוקט אַראָפּ אונטן
תּאווה – שינאה
אַמאַן – אַליפֿס

פֿאַנטאַסטישע געדעס
דעם װעלט-טרעגער װערט שװער זײַן טראָגן
אַנטלויפֿט אונטן
זײַן בייגן אַרויף:
אַ מענטש שטייט אויף צו תּיקון חצות [274 -
דער נאַרט װעכטער דער ליליט

Aquarius

דער ראָמאַן פֿון מזל-עמדה און מזל-יונג פֿרוי
~~[illegible]~~ די נפֿילים-מלאָכים
לאָזן זיך באַװעגן די ערד
לעבט זיך אויס אין הערצער על מות
ליב דאָס "דערהויבענע" [279]
זײַן קריזיס [282-83] = שבֿירה
די הימלישע חתונה = תּיקון

דעם װעלטטרעגערס פֿרײַער װילן צו
טראָגן װײַטער – ניט געטרײַט אויף אַלע
ספֿקות

אין הימלישער הײם
די מזלות
דער נאַרט שלעפֿער
די טירער פֿונעם מאַן װאָס ער באַװאונט
מזל-יונג פֿרוי ציטט אין גליק אויגן
ליבן דאָס דערהויבענע
דעם נסתּרס הײליקע מיסיע
אַף-על-פּי-כן ולמרות הכּל

קריזיס אינעם פּאָליטישן געדאַנק : די וועלט־אוניווערסאַלע טיפּורן

קריזיס אינעם ~~[struck]~~ גײַסטיקן" געדאַנק

דער וועלט־טרעגער איז ניט מיאוס

קריזיס אינעם טעאָלאָגישן געדאַנק — מעטאַפֿיזיק

מזל־עמער פֿאַר טאַרנאַסט די וועלט

דיגן־טעזיס פֿון מאַטעריעלער פֿרײַהייט

דער מענטש קען זיך אויסקלײַבן צו לעבן אַן אויסקלײַב

נעמען דעם עול אויף זיך אַליין

געזעצן / געזעצפֿט : פֿילאָסאָפֿישער אַפּריל

צו פֿאַרטײַטשן דעם צלם־מענטש, דעם שם המפֿורש, מענטש

נעמען אויף זיך דעם עול פֿון שווײַגן

אויף־עול־פֿײַכן ולמרות הכל

~~[struck]~~ אייסקרעטיל, ביחידות : די גרעסטע פֿרייד

דאָס פּראָטעסטאַנטיש – פֿיזיש → אַפֿן, הימלישע ספֿערן

דאָס פּאָליטיש → ~~[struck]~~ פּסיכאָלאָגיש → קאָסמישער

די הויפּט־טוונג : דער צילן (ר׳ נחמן)

דורך מעשׂיות קען מען איבערבויען די וועלט ↔

אַלע מעשׂיות ~~[struck]~~ הײַנט מען שוין נאָך פֿאַר צילן

און שטיל איז דאָרט געוואָרן, און דער טורעם איז אלט און פארעלטערט געשטאנען, און דאָס פינצטערניש, ווי באנײַט הײַנט אָבער, און ווי קיינמאָל נישט פינצטער געווען ביז אהער... און דער יאם האָט געזיפצט, און דער יאם האָט מיט קויכעס גע־אָטעמט. און דאָס קעמל איז שטיל געשטאנען, און דאָס קעמל האָט אף סאָף־נאכט ארויסגעקוקט. האָט זיך דאן אויך אויסגעלאָזט די נאכט. האָט זיך אפן הימל דער שטערן פון פרימאָרגן באוויזן און אף יאם און אף מידבער אראָפּגעקוקט. אוןביידע איניינעם מיט איין בליק און מיט איינע כסאָדים געבענטשט... האָט זיך פון טורעם דאן א פענצטער געעפנט, א פענצטער און וואָס צום יאם קוקט ארויס, און עפּעס א קאָל האָט זיך אפן ברעג און אפן וואסער דערהערט:

— די נאכט איז אריבער און מיט מאזל אונדז די נאכט, און אויך פאר ליכט און אף די האָרבעס באם קעמל איז די צײַט שוין געקומען...

האָבן זיך דאן די ליכט, וואָס אף די האָרבעס באם קעמל איינס צום אנדערן צוגעבויגן. האָבן זיי זיך דערנעענט איינע צום צווייטן, און דער מאָרגנשטערן האָט דאָס צוגעזעען, און דער מאָרגנשטערן האָט זיי פון הימל שײַן אראָפּגעשײַנט, און ביידע קנויטן האָבן זיך אָנגעצונדן, און ביידע קנויטן האָבן זיך אין איין פײַער פאראייניקט, און — דאָס קעמל איז פון וואסער ארויסגעגאן און פון יאם־ברעג ארויסגעשפּאנט, און אזוי, און מיט די ליכט שוין ברענענדיקע, און אזוי, אין פארטאָג דעם שטילן, האָט זיך עס מיט דעם פּאָנעם צו דער מידבער און צום וועג אהין גע־ווענדעט, און מיטן געדאנק אויך א ו י ס ע ר מידבער און מיט ליכט און בסורע אין יישעוו אָנצוקומען...

און אף אָט דעם קעמל ווארט איך דאָ, אף אָט דעם קעמל קוק איך ארויס בא גרענעץ, און שוין א צײַט, אז ס׳גייט אין דער מידבער, און צײַט שוין קומען דעם.

אזוי דערציילט די בריִע.



דער נײַער לעבן (נ״י) 1 (יוני 1922): 4-19

# אין ווײַן-קעלער.

— און אז דער טרעגער, וואָס אונדזער ערד און וועלט אף זײַנע אקסל טראָגט, ווערט אמאָל מיד זי צו טראָגן, גיט ער זי א צווייטן, זײַנעם א פרײַנט, א ליידיקגייער, איבער, און אליין לאָזט זיך אין שענק אוועק...

אן אפדערנאכט אמאָל, ס׳איז פינצטער און אומהיימלעך, קומט ער אין א גרויסער שטאָט, וואָס צו גאָט און צו מענטשן, אָן. דאָרטן איז נעבן א גאס א רוישיקער א הינטערגאס און פון מענטשן אָפּגעטון פאראנען. ליגט דאָרט אין א מויער איינעם א סקלאד־קעלער צופוסנס, פירן אין קעלער ארײַן עטלעכע טרעפּעלעך אראָפּ. טרעפט מען זיך דאָרט אין א שטוב א נידעריקער, אין אן אלטער און מיט צימערן אייניקע, און די ווענט אין די צימערן זײַנען מיט עפּעס א שווארצן לאק א גלאנציקן באשמירט, און אף די ווענט די שווארצע — אלטע בילדער עפּעס רויט־געפארבטע הענגען. שטייען אין די צימערלעך אלטע טישן נאָך פון אמאָל פארבליבענע, פּראָסטע הילצערנע און נאָר ווײַס געריייניקט, און בא די טישן בענק אלטע, אויכעט פּראָסטע און לאנגע, און וועד־ליק אייניקע מענטשן זאָלן זיך אף זיי זעצן, און די צימערלעך זײַנען נידעריקע, און פון די ווענט קוקן אף זיי די אלטע בילדער מיט אמאָליקע שיקורים, גרויסע לײַט און היגע באזוכער אראָפּ.

קומט אהין דער וועלט־טרעגער צו גיין אינאָוונט, און די צימערלעך זײַנען שוין פארנומען, און בא יעדן טיש פּאָרן, מאנסבלען מיט פרויען זיצן, און אין איינעם א צימער נאָר מאנסבלען געפינען זיך, געפינט ער זיך דאָרט אן אָרט בא א טיש, זעצט זיך אוועק און הייסט דעם דינער זײַנעם א ווײַן זיך

דערלאנגען. דערלאנגט ער אים, און אנקעגן דער אוילעם איז שוין א באטרונקענער, און די פּענימער זײַנען זיי שוין פון ווײַן און פון טרינקען רויט, און זייערע אויגן שוין נישט גלײַך קוקן, נאָר צעשוווּמענע און צעמישטע זײַנען. און אמאָל איינער און אמאָל אן אנדערער כאפּט זיך פון זײַן אָרט שוין אוף, אום צו דעם, וואָס אים אנקעגן זיצט, מיט זײַן גלאָז זיך גלעזלען, אָדער אזוי זיך גלאט, פון שיקרעס אן אויסגעשריי צו אויסשרײַען.

מאכט זיך דאָרט א יונגער אוילעם אמאָל באם טיש, יונגע געלערנטע, וואָס זײַנען נאָך פון טאלמידים־בענקל נישט אראָפּ, און צווישן זיי רײַך־קינדער, און אזוינע, וואָס רײַבן זיך און האלטן זיך נעבן רײַכע, ביליקע טרוימער און וואָלוועלע שענק־גײַסטער, וואָס מיינען די וועלט פאריכטן און איר ביזאהעריקן געשטעלטן שטייגער מיט ווערטער צעשטערן — צעשרײַען און צעהיצן זיי זיך אינמיטן טרינקען, צעגוואלדעווען און צעטומלען זיך, איינס דאָס אנדערע ניט הערנדיק, און איינער א מער היצי־קער, שטעלט זיך ארויס און טומלט זיך מער פון אלע, שרײַט אויס און קאעסט זיך אף דער וועלט:

— זי האָט זיך פארשולדיקט, אז די האָר זײַנען נישט אירע.

— אין טפּיסע זי, די אָנזעצערן, — שרײַען אנדערע, און מיט די פויסטן אין טיש קלאפּן.

— באם באלעבאָס פון „סאגענאָער" *) (אזוי הייסט דער שענק) זי פארזעצן! — פאלט אײַן דאן איינעם.

— אין איר מיט א לאָך מאכן, פּולווער, און זי אופרײַסן! — שרײַט א צווייטער.

— פּעטער! — קערעוועט זיך דאן א שיקערער צום וועלט־טרעגער, וואָס אָפּגעזונדערט בא זײַן טיש זיך זיצט — ווער זײַנט איר און וואָס טוט איר דאָ?

— דער וועלט־טרעגער בין איך! — באקומט ער אן ענטפער.

— ווער?! — הערט יענער ניט אײַן און גלויבט ניט דעם געהערטן.

*) סאגענאָער (סגי־נהוֹר) איז די טײַטש — א בלינדער.



— דער וועלט־טרעגער! —

— כא, כא, כא — צעלאכט זיך יענער און אף א קאָל צו זײַן כעוורע קערעוועט זיך:

— כעוורע, הערט נאָר, ווער עס זיצט דאָ מיט אונדז! דער וועלט־טרעגער איז ער.

און די כעוורע לויפט זיך צום טרעגער דאן אָן, און מיט שפּאָט און שיקרעס רינגלען אים בא זײַן טיש ארום, האלטן אים פאר מעשוגע און די וועלט פאמעלעך צו טראָגן אייצענען און זען זי ניט אראָפּווארפן, אום כאָלילע זי נישט צעברעכן — וואָרנען...

-- גוט — איז דער טרעגער מאסקים.

— אן אוויירע נאָר זײַן מי, קיינער וועט דאָך אים פאר דער טירכע נישט באצאָלן, — זאָגט דאן איינער.

— אוואדע גיבן בעסערע פּארנאָסעס — זאָגט דאן א צווייטער.

און די כעוורע איז זיך לעסאָף מעיאעש פון אים און לאָזט אים אף זײַן אָרט בא זײַן זיצן און זײַן מעשוגאס איבער, קערט זיך צו איר אָרט און איר טרינקען אום, אזוי אף לאנג און ביז שפּעט אינאָוונט ארײַן, און ביז אלע ווערן דאָרט אף זייערע ערטער אײַנגעשלאָפן, ווער דעם קאָפּ און די הענט אף דעם טיש אָנגעשפּארט, ווער אפן אקסל בא זײַן כאווער, און ווער אזוי, אף זײַן אָרט און גלײַך זיצנדיק; ווערן זיי אזוי אײַנגעשלאָפן, און קיינער וועקט זיי ניט, ווײַל פון „סאגענאָער" טרײַבט מען ניט קיין מענטשן, און „סאגענאָער" איז אי באטאָג, אי באנאכט אָפן, און מענטשן קענען וויפל זיי ווילן זיך פארברענגען; און האלבע נאכט ווערן די צימערלעך טאקע אָפּגעליידיקט, אָבער ווער ס'בלײַבט נאָך, בלײַבט, ווער סע טרינקט, טרינקט, און ווער ניט — קאָן אזוי זיצן... זיצט זיך אזוי ווײַטער דער טרעגער, און אין זײַן צימערל איז שוין קיינער ניטאָ, אויסער יענע נאָר, וואָס שלאָפן, און אויך די צימערלעך זײַנען שוין ליידיק, און די נאכט־דינער בא די עקן טישן און אָן ארבעט דרעמלען. און אין שטאָט דער רויש האָט זיך שוין אײַנגעשטילט, און אין גאס, ווו „סאגענאָער" געפינט זיך, גייט שוין נישט קיינער, נאָך ווען־ניט־ווען א פּאָר פּיס פון א פארשפּעטיקטן אהיימגייער פארבײַ די

נידעריקע פענצטערלעך, וואָס צום דרויסן קוקן, פאַרבײַגײַין דערהערן זיך...

שטעלט זיך דאַן אין צימערל פון טרעגער דער נאַכטשלעפּער אַרײַן, נישט באַמערקט פון קיינעם און פאַרבײַ די דרעמלענדיקע דינער דורכגעגאַנגען. און אָט איז ער אָף דער שוועל שטיין געבליבן. און אָנגעטאָן איז ער אין א טיגערפּעל אַזוינער, ווי אין א רעקל אָן אַרבל, און דער עק פון טיגער שלעפּט זיך אים א טויטער און באַמבלענדיקער נאָך. און אַליין זעט ווי געדראַלן און רויט־פאַרבלאָזן אויס, פון באַשטענדיקן טרינקען און וואָס אויך איצט איז אונטער דער קויסע, וואָס ער האָט ערגעץ אַנדערש און שוין נישט איינע דאָרט אַרײַנגעכאַפּט. שטייט ער און האַלט זיך אָף דער שוועל דאָרט שוואַכלעך, אָבער נאָך וואָס ער איז דאָ געקומען, ווייסט ער נאַר, און אַז עמעצער דאָ אינטערעסירט אים, זעט מען אָף אים; דערזעט ער דעם וועלט־טרעגער דאַן בא זײַן טישל זיצן, גייט ער צו אים צו, ווי צו זײַנעם אַן אַלטן באַקאַנטן, קומט אים צום טיש אונטער און פאַרנעמט אַן אָרט אַנקעגן, דערלאַנגט אים א האַנט צום גריסן און לאָזט זיך אָף א בענקל אַראָפּ.

— ווי גייט עס? — פרעגט ער באַם וועלט־טרעגער, זיך אַראָפּזעצנדיק.

— גוט, און באַרג־אַראָפּ.

— און וואָס איז די גדולע דײַנע, דאָס, וואָס דו טראָגסט אָט די שיקורים אָן געלט? —

און דער שלעפּער ווײַזט דאָ דעם טרעגער אָף די אַנקעגנשלאָפנדיקע נאַכט־פאַרשוינען אָן.

— ניין, — ענטפערט אים דער גײַסט, — און ווי בא דיר?

— שלים!

— וואָס אַזוינס? —

— די פרומע זײַנען אויסגעשטאָרבן און נישטאָ, און די, וואָס זײַנען פאַרבליבן, איז כאַפּט זיי, ווי זאָגסטו, דער טײַוול.

— איז בא וועמען ביסטו געבליבן?

— בא איינעם א שטיקל פרײַנט נאָר.

— און ווער איז ער?



— ער איז קליין און נישטיק, דאַר און שוין הויט און ביין, און זיין פּאָנעם איז אים געל געקנייטשט, און ערד איז אים אין די קנייטשן. די אויגן האָבן זיך אים צעמישט, זײַנע ווײַסלעכער האָבן די שוואַרצלעכער פאַרגאָסן, א גראָ וואָרעמל איז אים שוין אין די אויגן, און אַז ער פאַרטראַכט זיך אַמאָל מיט זיי, זעט ער שוין, ווי נישט אָף דעם אוילעם אויס: דאָ האָט שוין נישט וואָס צו טון, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער אויסגעבראַכט, ווײַן און ווײַבער האָט ער זײַנע קליינע קויכעס אָפּגעגעבן, און איצט איז ער אַזוי פאַרבליבן, און אַלע אָוונט נאָר האַלוציִנאַציִעס באַפאַלן אים...

ווי ער קומט נאָר אין זײַן באַכערישער היים אײַנאָוונט, ער פאַרמאַכט נאָר די טיר נאָר זיך, דרייט דאָס ליכט אַרויס און בלײַבט אַליין אין צימער, אַזוי רירט זיך אים באַלד א וואַנט אויף אַנקעגן, א לײַכטער שאָטן טוט זיך אים א ווײַז דאָרטן, און פרײַער שוואַכלעך און נישט אָנגעזועען, אָבער באַלד וואַקסט א פאַרשוין פאַר אים אויס — א הויכער און א ציכטיקער, מיט גלאַטע האָר פאַרקעמט און מיט א שרינט אַזוינעם, מיט לעצטע מאַנירן און אין אויג א מאָנאָקל. באַווײַזט ער זיך צו מײַן פרײַנט, נעמט זיך א פּלאַץ באַם טיש אים אַנקעגן, א פוס אָף א פוס פאַרלייגט, האַלט זיך פרײַ און נישט געצוווּנגען, און מײַן פרײַנט איז שוין צו אים צוגעוווינט, ער שרעקט זיך נישט פאַר אים, און אָף זײַן אומגעבעטן קומען האָט שוין מיט דער האַנט א מאַך געטון...

און די לעצטע צײַט האָט ער מײַן פרײַנט מיט אַזא באַזוך באַפוילט: ער האָט זיך אָוועקגעזעצט, עפּעס געשוויגן א צײַט, און מײַן פרײַנט האָט אין דער האַנט בא אים עפּעס א מעשונע סייפּערל באַמערקט: שוואַרצע טאָוועלעך און שוואַרצע בלעטלעך און אויך עפּעס אַן פּאַרמאַט אַן אומגעווײַנלעכער.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער בא אים א פרעג געטון.

— טאָקע פון דײַנעטוועגן געבראַכט, דיר דאָס ווײַזן געוואָלט.

— וואָס אַזוינס?

— וואָס מ'שרײַבט פון אונדז.

— ווער פון וועמען?

— אין אייניקע יאָרטויזנט ארום פון אונדזער טויזנטער.

און דאָ האָט אים דער פארשוין דאָס סייפערל דערלאנגט, און מייַן פרייַנט האָט עס גענומען און אינדרין ארייַנגעקוקט. און נישט ווי אונדזערע איז יענער סייפער געדרוקט געווען, נישט שווארץ אף ווייַס פאפיר, נאָר פארקערט — מיט ווייַס אף שווארץ. און מייַן פרייַנט האָט דאָס קסאוו יענץ לייענען נישט געקענט און אין סייפער גאָרנישט ניט פארשטאנען. האָט ער עס צוריק דעם פארשוין אָפּגעגעבן, זאָל ער דאָרט לייענען. און יענער לייענט: ס׳איז אים אלציינס — קסאוו פון צוריק מיט טויזנטער, און קסאוו, וואָס שפּעטער מיט טויזנטער, און זאָגן זאָגט ער, אז דאָס בוך קער צו א מענטשהייַט שוין א שווארצער, וואָס האָט די איצטיקע וועלט פארנומען, און פון די ווייַסע איז שוין קיין זייכער נישט געבליבן, און נאָר די געשיכטע זייערע בלאָנקעט נאָך ווי־ניט־ווי אין די גדעכעניש ארום, און ווען־ניט־ווען דערמאָנט מען זיי.

און אזוי שרייַבט זיך דאָרט אין בוך: נאָך גרויסע געשלעגן און מילכאָמעס צווישן די ווייַסע, אז א גרויסער ייִעש איז זיי באפאלן, ווייַל אז צו זייער געטרוימטן שאָלעם, האָבן זיי געזען, וועלן זיי שוין נישט קומען, און אז בעסער ווי זיי זייַנען, וועלן זיי ניט ווערן, און וואָס זיי האָבן גוטס געהאט, האָבן זיי שוין אָפּגעגעבן, און זייער צייַט שוין צו עלטער בייגט זיך, און זייער בלוט און בארוף ענדיקט זיך, און אנדערע און גזוינטערע דארפן זיי יארשענען קומען, און אויך די אנדערע וועלן מיסטאָמע נישט בעסער זייַן — האָבן זיך זייערע קליגסטע און אויסדערווײלטסטע אף א באראָט צונויפגענומען, און פאר די איבערגעבליבענע, פאר די פעלקער און פאר די פעלקערלעך זייערע, א באשלוס אָנגענומען: ענדע! און זאָל עס גיין, ווי עס גייט, בעסער מאכן איז אומעגלעך, און זאָרגן איז שוין ניטאָ פאר וועמען, און זאָל זיך יעדערער, ווי ער פארשטייט, זייַן לעבן ענדיקן, און פאר פרעמדן קלאל און פרעמדן פראט זיך קימערן איז א נארישקייַט...

און דער געשיכטע־שרייַבער גיט דאָ צו און שרייַבט ווייַטער:

„און א געוויינלעכע דערשייַנונג און א טאָגטעגלעכע איז עס דאן געוואָרן, און אין די צייַטשריפטן איז דאָס פארצייכנט, און



אין די טאָגבלעטער האָט מען דאן לייענען געקאָנט, אז אמאָל דאָ און אמאָל דאָרטן האָט מען יענע כאכאָמים, וואָס האָבן דעם באשלוס אָנגענומען, ״אײנציקווייַז בא זיך אין די היימען אין די פרימאָרגנס אין די וואנעס און אין די באָד־צימערן געטראָפן, — אויסגעטאָנענע און אין די וואסערן זיצנדיק. אויסגעגאנגענע, און די וואסער איז פול בלוט געווען: זיי האָבן זיך די אָדערן געעפנט, און אזויערנאָך זייערע כעשבוינעס מיט דער וועלט פארענדיקט״...

און דער פארשוין מייַן פרייַנטס האָט דאָס לייענען פארענדיקט, דאָס סייפערל פארמאכט און מיט מייַן פרייַנט זיך איבערגעקוקט.

— איז וואָס? — האָט אים מייַן פרייַנט געפרעגט — זאָלן מיר זיך אויך אין יענע כאכאָמים פארשרייַבן?

— הם... — האָט דער פארשוין געשטאמלט — כ׳מיין, ס׳איז צייַט... ווייל פון אונדזער וועלט איז נישט צו האָפן...

און דער נאכט־שלעפער גיט דאָ צו:

— און מייַן פרייַנט מיט זייַן פארשוין זייַנען שוין פארשריבענע, און אויך איך בין צו זיי צוגעשטאנען.

— איז וואָס וואָלסטו געוואָלט? — פרעגט דאן דער וועלט־טרעגער באם שלעפער.

— האלטן מיר דיך נישט פאר נארישער פון אונדז, און איך בין געקומען אויך דיר דאָס פאָרשלאָגן.

— אין „צאר באלעכאים״ ארייַן?

— רוף עס, ווי דו ווילסט, און זאָל עס הייסן, ווי סע וויל זיך.

— ניין! - ענטפערט דער וועלט־טרעגער.

— און דייַן גדולע און דייַן בארג־ארוף? —

שווייַגט דערוף דער טרעגער. האלט נאָר זייַן קאָפּ אין די הענט ארומגענומען, און זייַן פּאָנעם איז פארטראכט צו די הענט געווענדעט, און אין „סאגענאָער״ שוין גרויסע נאכט־שטילקייַט הערשט דאן, און די יונגע־לייַט, וואָס אין טרעגערס צימער באם טיש שלאָפן, שלאָפן שוין איצט אף א גרויסן עמעס, און אויך די דינער, די אף־נאכט־פארבליבענע, עפּעס פארזונקען און

פֿאַרדרעמלט זײַנען, און בײַ די עקן טישן, ווי אויף אַ ווײַלע נאָר, זיך צוגעזעצט, זײַנען אַזוי זיצנדיק פֿאַרבליבן, און דער נאַכט־שלעפֿער זיצט אַנקעגן טרעגער, זיצט און וואַרט אויף אים...

— האַ!... — וועקט זיך דער טרעגער דאַן פֿון שטיל־פֿאַרטראַכט־זײַן אויף, און מער, ווי צו זײַן אַנקעגן־זיצנדיקן, צו זיך אַליין טוט אַ זאָג:

— מײַן גדולע? יאָ... כ׳האָב געהערט נישט לאַנג, ווי אין די ווײַטסטע וועלט־רוימען האָט באַנאַכט אַמאָל עפּעס אַ לײַכטער שאָס געטון. צי אַ וועלט איז דאָרט אונטערגעגאַנגען, צי אַ וועלט מיט אַ וועלט האָבן זיך אָנגעשלאָגן און באַגעגנט, האָב איך נישט געזען, נאָר געזען האָב איך, ווי אויף דער ערד און אין אַ שטיבעלע איינעם האָט אַ פֿענצטער אויף יענעם שאָס מיט אַ לײַכטן ציטער זיך אָפּגערופֿן. און אַ מענטש האָט זיך דאָרט אויפֿגעוועקט און איז פֿון זײַן געלעגער אַראָפּ, און די הענט האָט ער געוואַשן, און אויף גאַטס דרויסן אַרויסגעקוקט, און געזאָגט האָט ער: עפּעס איז איצט געשען אויף דער וועלט, מ׳דאַרף דערויף בעטן, און מ׳דאַרף זיך באַדענקען.

און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געזאָגט:

— „וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען פֿונויבן, איז מיר נישט קלאָר, צי אַ הימל־קערפּער האָט געפּלאַצט, צי אַ נײַע וועלט־געראָד איז געבוירן, ווייס איך נישט; אָבער וואָס ס׳זאָל דאָרט נישט זײַן — איז דאָס געשען, און מיט אייביקן לעבן און מיט געטלעכן טויט איז דאָך דאָס פֿאַרבונדן, און עפּשער האָט דאָס נאָך אָדער שוין קיין מויל נישט, דאַרף דאָך דאָס עמעצער פֿאַרן מויל ברענגען; און איך בין דאָך דער זויכע, און איך האָב דאָס פֿון שלאָף דערהערט, און איך שטיי שוין פֿאַר גאָט, פֿאַר זײַן דרויסן אין פֿענצטער, און דער וואַכנדיקער וועלט־טרעגער איז איצט פֿאַרנומען, מיט זײַן מאַסע און זײַן מי צו טראָגן, און ווער זאָל פֿאַרן געשעענעם דאָס וואָרט זאָגן?“

און געווען בין איך דער טרעגער דאַן, אויף דער וועלטס וועג אויסגעטרעטענעם, און ווײַטע געזאַנגען פֿון זעלטענע הימל־גערעדער האָב איך געהערט, און געגאַנגען דאַן בין מיט מײַן מאַסע אָנגעלאָדן, מיט דער הייליקער און שווערער. האָב איך די



רייד פֿון יענעם מענטשן דערהערט, האָב איך דאַן מײַנע אַקסל אײַנגעבויגן און טיפֿער אויף זיך דעם יאָך גענומען, מײַן יאָך און מײַן מי, מײַן ליבע און מײַן גדולע...

— ענלעכס אויף דעם האָבן מיר שוין געהערט פֿון דיר — האַקט דער נאַכט־שלעפֿער דעם טרעגער אינמיטן איבער — עפּעס נײַעס, וועלט־טרעגער, האָסטו?

— און דאָס אַלטע איז דיר ווייניק? — פֿרעגט דער טרעגער בערויגעז.

— ניין, דערעסן... און דײַן מענטש איז אַ נאַר, און זײַן מויל מאָלט נאַרישקײַטן.

— און וואָס וואָלסטו געזאָגט?

— אויסגעשפּיגן און געגאַנגען שלאָפֿן...

און אַנשוויגן אויף אַ ווײַלע ווערן דאַן ביידע. דער טרעגער לאָזט ווידער זײַנע אויגן צו זײַן קאָפּ אַראָפּ, און דער נאַכט־שלעפֿער קוקט אויף אים און ווי זײַן נאַרישן אומשולד באַדויערט. שטעלט זיך דאַן אויף דער שוועל דער נאַכט־וועכטער אַרײַן, און אויך ער און נישט באַמערקט פֿון קיינעם. פֿון דער שטילער גאַס אין „סאַגענאָער“ קומט צו גיין, אָן אָנגעפּעלצטער, און קײַלעכיק מיט בגאָדים אָנגעפּאַקטער, און אויף זײַן ברוסט אַ היטער־פֿײַפֿעלע הענגט אים, אויף טאָמער עפּעס מאַכט זיך, און טאָמער עפּעס אומרויִקס אין גאַס געשעעט — צו פֿײַפֿן און די אַרומיקע היטער צו מודיִע זײַן. קומט ער אַרײַן, און אַ שווײַגער איז ער, און מיט טרעגער און שלעפֿער שוין לאַנג באַקאַנט. זעצט ער זיך צו זייער טישל צו און פֿאַרנעמט אַן אָרט דאָרט מיט זײַן אָנגעפּעלצטקײַט — און טרעגער מיט שלעפֿער זײַנען צופֿרידן מיט זײַן קומען, און ביידע אויף אים זייערע בליקן און זייער אויפֿמערקזאַמקײַט ווענדן.

— און וואָס זאָגסטו, היטער? — ווענדעט זיך צו אים מיט שפּאַס דער שלעפֿער.

— זאָג, זאָג, — ענטפֿערט דער היטער, — זאָג, וואָס דו ווילסט, מ׳הערט דיך אַ היפּש ביסל, מ׳שלאָפֿט בעמיילע.

און דער היטער ווערט אַנשוויגן, און ער איז ערנסט־היטעריש אין זײַן שווײַגן, און דער שלעפֿער ווענדעט

זיך דאַן אָפּ פון אים, און צום טרעגער דאַן קערעוועט זיך:—

— דערצייל עפּעס, טרעגער, אהיים איז נאָך פרי צו גיין, די נאכט איז נאָך גרויס, און דו האָסט דאָך באַגעגענישן.

און דער גײַסט פארטראכט זיך אף א ווײַלע, דערמאָנט זיך אָן עפּעס און טוט א זאָג:

— הער־זשע, שלעפער, און פארשטיי.

און דער טרעגער דערציילט:

— דאָ נישט לאַנג,— זאָגט ער,— האָט ער דעם מאזל־עמער באַגעגנט. מיט זײַן שטאנג און מיט זײַנע עמער אף די אקסל, און די שטאנג איז אים אף דער ברייט פון דער פּלייצע געלעגן, און די עמער האָבן זיך אים געבאָמבלט, און ליידיק וואסער־פּירעריש איז ער אים אנקעגן געקומען. האָב איך אים אַרײַנגעקוקט אין די עמער און זיי טרוקן און צעלעכצט געזעען. האָב איך זיך צו אים געווענדעט און בּא אים „וואָס איז די מײַסע?"— א פרעג געטון, וואָס עפּעס די עמער טרוקן און ווי לאנג שוין דעם ברונעם נישט געזעען— זעען אויס? האָט ער מיר געענטפערט: מאזל־יונגפרוי *) האָט כאסענע און איך וויל איר מיט ליידיקן איבערגיין... אדאנק מיר איז זי אין הימל ארופגענומען, אדאנק מיר האָט זי אן אָרט צווישן די מאזאָלעס באקומען, און איצט גייט זי צו א פרעמדן זײַן.

— וואָס הייסט?

— איר טאטע איז פון די געפאלענע מאלאָכים געווען, ער האָט מיט אן ערד־פרוי געלעבט, ער האָט מיט איר א קינד געהאט, און געגלוסט און זיך געזעטיקט, און געמיינט, אז הימל און ערד זײַנען זײַנע. איז דאָך אָבער דערנאָכדעם אף אזוינע מאלאָכים די שטראָף אויסגעפאלן, און דער הימל האָט זיך פאר זיי פארשליסן באדארפט, און אף צוריק ארופצוקומען איז זיי שוין נישט באשערט געווען,— האָט מען זיי נאָר א קליינע רעגע צײַט געגעבן, און ווער ס'האָט געוואָלט האָט זי אויסנוצן געקאָנט. זײַנען אָבער פון די מאלאָכים פיל אין זייער ערדישקײַט און מיט

---

*) מאזל-עמער און מאזל-יונגפרוי — צוויי מאזאָלעס פון די צוועלף.



זייערע ווײַבער פארנומען געווען, האָבן זיי פארזאמט די רעגע, זײַנען זיי אף קלאָג און אף מענטשן־צוגלײַך אונטן געבליבן, און נאָר אייניקע פון זיי האָבן זיך געכאפּט און באַדענקט אין דער צײַט, און אין יענער רעגע האָבן זיך צוריק ארופגעכאפּט. צווישן יענע איינציקע איז אויך דער מאזל־יונגפרויס פאָטער געווען. האָט ער אָבער נישט נאָר זיך אליין, נאָר אויך זײַן ווײַב און איר פרוכט פון איר לײַב ארופנעמען געוואָלט, האָט ער אף גיך צום ערשטן דאָס קינד ארופדערלאנגט, און איך בין גראדע באַם הימל און באַם ארופדערלאנגען געשטאנען, און איך האָב עס פון זײַנע הענט א כאפּ געטון, האָב איך דאָס איבערגענומען, און יענער האָט דאָס ווײַב געוואָלט ארופגעבן און דערנאָך אויך אליין ארוף, האָט זיך שוין אָבער אין דער רעגע דער הימל צוגעשלאָסן, און דער מאלעך איז מיטן ווײַב אין די הענט אין דער לופטן שוין פאר א פארשלאָסענעם און פאר א צוגעמאכטן הימל שטיין געבליבן.

און דאָס קינד האָט זיך אין מײַנע הענט געטראָפן, און די ערשטע צײַט האָב נישט געוווסט וואָס צו טון דערמיט, אָבער דערנאָך האָט זיך עס צו מיר צוגעווינט, און איך האָב דעם א טאטן און א מאמען פארביטן. און איך האָב דאָס דערצויגן, און דאָס קינד איז מיר ליב געוואָרן, און באשטענדיק איז דאָס מיט מיר בּא מײַן ארבעט געווען, ווען איך האָב פון מאזל־ברונעם געשעפּט און דער וועלט אראָפּ רעגן און שעפע געגעבן, און געהאלטן האָב דאָס בּא דער זײַט באשטענדיק, און קיינמאָל דאָס אליין און אף הפקר נישט אָפּגעלאָזט.

אז ס'איז אונטערגעוואָקסן, און אַז די אנדערע מאזאָלעס האָבן דאָס דערזעען בּא מיר, האָבן זיי דאָס באטראכט און געלויבט אלע, און אייניקע פון זיי האָבן זיך אפילע דערין מיסקאנע געווען, און דאן אויך אין מיר, וואָס האָב עס אזוי נאָענט בּא זיך טאָמיד.

און אזוי ווי אין יענע צײַטן זײַנען נאָך הימל־גערעדער אַון מאזאָלעס נישט פעסט געווען און פון צײַט צו צײַט פלעגט זיך נאָך אמאָל א שטערן אויסגליטשן, פאלן און פון דער ראָד פעלן, האָט זיך טאקע אמאָל געמאכט, און איינער א שטערן־מאזל איז

גייענדיק פון וועג אראָפּ און ערגעץ ווו פאַרבלאָנדזעט, צי אין א טהאָם אראָפּ, האָט אונדז אין ראָד דאַן א באַזעצער געפעלט, און איינס אָן אָרט איז דאָרט לײדיק געשטאַנען, האָבן זיך מאַזאָלעס צונויפגענומען און באַשלאָסן: דאָס אָרט דעם קינד און פון מיר דערצויגנס אָפּגעבן, און — נישקאָשע: שעמען דערמיט איז זיך נישט געווען, און געשײַנט האָט דאָס ניט װײניקער פון אנדערע, און ליב געווען איז דאָס מער פון אנדערע. און דאָס קינד האָט דאָס אָרט פאַרנומען, און א גלײַכע צווישן גלײַכע געוואָרן.

און דאָס קינד איז מיר טײַער געוואָרן, און דאָס קינד איז דאָך צו מיר נעענטער, ווי צו אלעמען, געווען, און געטון האָט דאָס אָן מיר גאָרנישט, און נאָך יעדער מינדסטער זאַך פלעגט עס זיך צו מיר ווענדן, ווײַל, ווי געזאָגט, טאַטע־מאַמע האָט דאָס נאָך שוואַך געקאָנט, און איך האָב דעם פאַרביטן טאַטע־מאַמע.

און איך פלעג דאָס אראָפּקוקן לערנען, ווי אזוי ס'זאָל זיך פאַר דער מאַזל־ראָד האַלטן און דאָס קעפּל זאָל זיך דעם נישט פאַרדרייען, און אמאָל פלעגט דאָס בא מיר דעם עמער בעטן, איך זאָל דעם אָנווײַזן, ווו און וואָס צו באַגיסן, און איך האָב דעם נישט אָפּגעזאָגט און דעם געגעבן, און דאָס קינד האָט שוין די ערד געקאָנט, און זומער און ווינטער געוווּסט, און ווי סע פירט זיך אין זומער און אין ווינטער, און אָפּט, ווען זי האָט אזוי דעם עמער געהאַלטן, פלעגט זי זיך פאַרטראַכטן, און אמאָל נישט דערגיסן און אמאָל איבערגיסן, ווי א קינד, און איך האָב געשמייכלט און איך האָב איר מוחל געווען אף דעם, וואָס זי האָט מיר דאָרט „אָפּגעטון“.

און דאָס קינד איז געוואַקסן, און איך האָב דאָס ליב געקריגן, און פאָרמען זײַנען בא דעם געוואָרן, ווי בא דעם געוויסן מין פון יענע קינדער, און רייצן האָט דאָס מיך גענומען, און אָפּט און פאַרבאָרגן פלעג דעם שוין נאָכקוקן פון א זײַט, און דאָס קינד האָט נישט געוווּסט, און דאָס אונטערגעוואַקסענע האָט זיך נישט געהיט פון מיר, אָבער איך פאַר אנדערע האָב זיך שוין יאָ געהיט, און אנדערע צו איר שוין אין געהיטקײַט געהאַלטן: ווי האַלט מען זיך צו איר, ווי



קוקט מען אף איר, ווער האָט אף איר אן אויג געוואָרפן און ווער פון אלעמען ווערט מער געאַכט פון איר...

און איך האָב גאָרנישט ניט באַמערקט, אויסער איר געטרײַשאַפט און איבערגעגעבנקײַט צו מיר, און איך בין צופרידן געווען און אופגעלייגט זייער, און אין הארצן האָב שוין אף דער צײַט ארויסגעקוקט, ווען זי וועט נאָך מער אונטערוואַקסן, און איך וועל צו איר נאָענט צוקומען, און דאָס, וואָס איצטער איז נאָך אומעגלעך, וועל איר שפּעטער אופקלערן, און דערווײַל האָב זי געהיט און קיין פרעמר אויג אף איר רוען נישט געלאָזט. און אזוי איז א צײַט אוועקגעגאַנגען, און איך האָב איר אין איין נאָכקוקן געהאַלטן, און זי פלעגט אף דער ערד אראָפּקוקן, און די ערד איז איר עפּעס ניט געפעלן, און אָפּט פלעגט זי מיך צורופן, און אף הינטן און אף אראָפּ מיר אָנווײַזן:

— פעטער, מאַזל־עמער, וואָס וואַקסט בא דיר נישט?

— וואָס נישט? —

— דאָס, וואָס דו באַגיסט און האַלטסט אין איין באַגיסן: די גראָזן און די ביימער דײַנע.

— די ביימער זײַנען דאָך הויך.

— דאָס איז הויך בא דיר? און פאַרוואָס דערלאַנגען זיי דעם הימל נישט?

— מער איז זיי נישט באַשערט און נישט געגעבן.

און זי פלעגט זיך פון דער ערד אָפּקערעווען, און פון מיר ווי א באַליידיקטע און אנטוישטע אוועקגיין, און אוועקגיין פלעג דאָן צו אנדערע מאַזאָלעס, און בא אנדערע און שוין נישט בא מיר אן אנדער אינטערעס צו זוכן... און יענע פלעגן איר דערציילן און מיט איר פיל צײַט פאַרברענגען, און יעדערער האָט איר, וואָס ער האָט געוווּסט, דערציילט, און אלע פלעגן פאַר איר דאָס שענסטע, וואָס זיי האָבן געהאַט, ארויסברענגען, און דערציילן פלעגן איר פון געוועזנס, און אויך נישט געוועזנס פלעגן פאַר איר אויסטראַכטן, און זי האָט געהערט און אלעמען אין מויל געקוקט, און א שטאַרק־גלויביקע איז זי געווען, און אין אומגלויבלעכעס האָט נאָך מער געגלויבט, און יענע האָבן פאַר איר אַזעלכעס אויסגעקלערט, וואָס אף דער ערד האָט זי

פון דעם קיין שפור נישט געזעען, און אויך צווישן די מאזאָלעס קיין סימען פון דעם ניט געפונען; האָט זי זיך אין מײַסעס פון ה ע כ ע ר־מאזאָלעס פארליבט, און מאזאָלעס האָבן איר צוגע־שטעלט אזוינע, און מאזאָלעס האָבן נישט געקארגט פאר איר קיין אויסגעטראכטס.

פלעג זי איצט א פארפרעמדטע זײַן און צו מיר שוין זעלטן קומען, און אין מײַן ערדארבעט קיין אָנטייל נישט גענומען, און אין אָפּגעזונדערטקײַט פלעגט שוין זיצן, און שווער איז זי שוין ארויסבאקומען געווען פון איר אָפּגעזונדערטקייט. און אין די אָוונטן, נאָך זון־זעצן, פלעגט זיך אף איר מאזל־בעטל ארופזעצן, און לאנגע שאָען פאר איר אנשלאָפן ווערן פלעג אף הויכע הימ־לען און אף די ווײַטע שטערן קוקן...

און אָט יענע צײַט האָב שוין פאר רעכטפארטיק געפונען, און אין יענער צײַט האָב איר שוין מײַן ווילן געוואָלט אופדעקן, וואָרעם געזעען האָב איך, אז נישט אומזיסט זײַנען מאזאָלעס פארנומען מיט איר, און נישט אומזיסט גיבן איר מאזאָלעס אזוי־פיל אופמערקזאמקײַט אָפּ, ווײַל פיל פרייד האָט זי פאר אלעמען געשאפן, און גליקלעך פילט זיך יעדער אין איר נאָענטקײַט צו זײַן; האָב איך איר איינמאָל א פארנאכט, ווען אלע זײַנען שלאָפן אוועקגעגאן, אין אויער אײַנגערוימט — אז אלע וועלן אנשלאָפן ווערן, און אז אלץ אין ראָד בא אונדז וועט שטיל ווערן, זאָל זי צו מיר ארויסגיין, איך ווארט אף איר, איך דארף זי באם ברונעם האָבן...

האָט זי ניט פארשטאנען און מיך אָנגעקוקט, און זיך פאר־וווּנדערט און מיך באטראכט, ווי נישט געוויינלעך, און דאָך, און נישט כוישעד זײַענדיק גאָרנישט, האָט מיר צוגעזאָגט און גע־האלטן איר צוזאָג... און איך האָב זי געווארט באם ברונעם, און א לעוואָנע איז דאן אופגעגאנגען, און אף דער ערד איז דאן א זומערנאכט געווען, און פון דאָרטן האָט זיך פיל גוטס און ערדשאפט געטראָגן, און פארבאָרגענע רייכעס פון וועלדער און טײַכער פאר־באָרגענע. איז זי צו מיר אָנגעקומען און בא מיר א פרעג געטון:

— וואָס איז, פעטער? וואָס האָסט מיך באדארפט עפּעס פארבאָרגן?



— גאָרנישט — האָב איך, איר פארפרעמדטע פראגע דערפילט, איר געענטפערט און זי פאַר לעוואָנע באטראכט — זעץ זיך.

און זי האָט זיך נעבן מיר אפן ראנד פון ברונעם אוועק־געזעצט און איך האָב צו איר א האנט אויסגעשטרעקט און זי ארומנעמען געוואָלט.

— ביסט נאס און שמעקסט מיט וואסער, פעטער.

און זי האָט מיר די האנט אָפּגעווענדט און זי מיר צוריק דערלאנגט, און איך האָב איר שוין גאָרנישט זאָגן געקאָנט, און געזאָגט האָב איך, אז עפּעס קאָן נישט אנשלאָפן ווערן די לעצטע צײַט, און אז זי איז מיר זייער ליב, און זאָל זי מיט מיר א שטיקל אָוונט פארברענגען... און זי האָט פארבראכט, ווי פאר־בראכט, און געזעסן מיט מיר ביז זי איז שלעפעריק געוואָרן, און איך האָב זי זיך לייגן אָפּגעשיקט, און לאנג איר דאן נאָכ־געקוקט נאָך איר אוועקגיין, און אזוי און מיט גאָרנישט ניט בלײַבנדיק, האָב איך לאנג דאן נאָכגעדענקט יענעם אָוונט.

און מאזאָלעס האָבן איר ווײַטער דערציילט, און מאזאָלעס האָבן אונטן־ארומער געקוקט אף איר, און זי האָט ניט באמערקט און איבערגליקלעך אין איר אומוויסן פון זיך געווען; און געווען איז זי דאן גליקלעך, און די שיינהײַט האָט זיך געפרייט אין איר, און די שיינהײַט איז פאר אנדערע אָנגעגרייט געווען, און נישט פאר מיר און נישט פאר מאזאָלעס קיינעם: איר באשער־טער איז ה ע כ ע ר מאזאָלעס געווען.

אמאָל האָב איך, אין הימל קוקנדיק, אן אָוונט איינעם, ווען איך האָב נישט געקאָנט אײַנשלאָפן, נעבן א שטערן איינעם א פארשלייערטע פרוי דערזעען, מיט א דין געוועב איבערן פּאָנעם אראָפּגעלאָזט, און אינגאנצן אײַנגעהילט און אינגאנצן אײַנגע־וויקלט איז געשטאנען און צו אונדזערע מאזאָלעס געקוקט. גע־זעען האָב איך, אז איר קוק, דער פארשטעלטער, איז צו מאזל־יונגפרוי געווענדעט, איר שלאָף באוואכט, אף איר בעטל קוקט, און קומט איר איצט צו כאָלעם... האָב איך נישט פארשטאנען גאָרנישט, ווײַל דאָס זעונג איז אומגעוויינלעך געווען, און אויך אין הימל מאכט זיך עס זעלטן, האָב איך געקוקט דערוף און דאָס פון אויג נישט אראָפּגעלאָזט, ביז ס'איז פארגאנגען און פון

יענעם אָרט נישט געבליבן... אף מאָרגן איז זי, די געגארטע
מייַנע, צו מיר צום ברונעם אונטערגעקומען, און אזוי ווי איך בין
פארטראכט און פארנומען געווען בעשאס איר אָנקומען, האָט זי
מיך אָנגערופן און מיך „פעטער” א רוף געטון:

— פעטער, הא, פעטער!

— וואָס איז? — האָב איך זיך א כאַפּ געטון און זי דערזעען.

— א כאָלעם האָט זיך מיר באַוויזן.

— וואָס אזוינס?

— ס'איז צו מיר מייַן מאמע געקומען, אן אָנגעטאָנענע און
א פארשלייערטע, און איר פּאָנעם האָב איך נישט געזעען, נאָר
זי איז איבער מייַן בעטל געשטאנען און זי האָט זיך אָנגערופן
און מיר אזוי געזאָגט:

— טאָכטער, דייַן טאטע האָט מיך אין הימל געוואָלט דער־
הייבן און איבער מיר איז אויך אליין אף דער ערד פארבליבן,
און דו האָסט די זכיה געהאט און דו ביסט צווישן די מאזאָ־
לעס אייַנגעזעצט געוואָרן, זע, טו פאר אונדז און דערהייב
אונדז.

— און וואָס זאָל איך טון, מאמע? — האָב איך געפרעגט.

— ליב דאָס דערהייבנע — האָט זי מיר געענטפערט. — וואָס
האָט זי געמיינט, פעטער?

— כ'ווייס ניט — האָב איך געענטפערט, און איך בין ערנסט
געוואָרן.

און זי האָט מיך פארלאָזט און צו אנדערע מאזאָלעס זיך
אָנפרעגן געגאנגען, און יענע האָבן איר אופגעקלערט, און ווי
יעדער פון זיי האָט פארשטאנען איר אופצוקלערן, און אלע האָבן
זי אפן געדאנק ארופגעפירט, אז איר צייַט דערנעענט זיך, און
אז איר ליבע־צייַט קומט אָן שוין, און אלע אויגן פרייען זיך מיט
איר, און אלעמען איז איר קערפּער ליב, און אז איר מוטער איז
איר צו וויסן געבן געקומען אף דער צייַט, און אז געזאָגט האָט
זי, אז איר ליבע זאָל זי צווישן הויכן זוכן.

און זי האָט זיך פארקלערט, און זי האָט ארוף קוקן גע־
נומען, און זי האָט צווישן די שטערן געזוכט, א באשיידעניש
אף איר יוגנט־פראגע צו געפינען...



און אין א שטיקל צייַט ארום האָבן נעבן יענעם שטערן ווי־
דער אין א באנאכט אמאָל איר פּאָטער שטיין דערזעען. א
מענטש, ווי אלע מענטשן, אָבער מיט אן פּאָנעם פון אן אמאָליקן
מאלעך פארבליבן, און קיין פליגל האָט ער נישט געהאט, ווי
מאלאָכים, נאָר אפן אָרט פון פליגל איז בא אים א טאָרבע גע־
האנגען — ער האָט ווי אן ערדישער באלטשוווע אויסגעזעען. און
ער איז געשטאנען און אויך אף זייַן טאָכטער געקוקט, און אף
מאָרגן איז זי ווידעראמאָל צו מיר און שוין מיט א נייַעם כאָ־
לעם געקומען:

— פעטער, מייַן טאטע האָט זיך מיר באַוויזן!

— און וואָס געזאָגט?

— „ליבע איז אין דער הייך, ווי ליבע אין דער נידער; אף
גרויסער ליבע איז מען נישט מעכוייעוו צו פאלן” — איך פאר־
שטיי נישט, פעטער!

— איך אויך נישט.

און זי איז ווייַטער צו אנדערע אוועקגעגאן, און זיי האָבן
איר ווייַטער געזאָגט, וואָס געזאָגט. און זי איז שוין דאן צום
סייכל געקומען, און צום געוויסן אָנהייב פון יענעם באוווסטזייַן...
און ארומקוקן ארום זיך האָט זי גענומען, און אין יענער צייַט
און אין גרויער יוגנט זיך דערזעען, און הערן פון אזוינע
זאכן האָט זי שוין געהערט, און פארשטאנען האָט זי שוין מער,
ווי געהערט; און איך האָב יענע צייַט שוין פאר דער לעצטער
געפונען, און אז אויב נישט איצט, איז פארפאלן: אין ערשטן
פאל, וואָס וועט זיך איר מאכן, וועט מיך פארלאָזן, און אפן
ערשטן רוף פון א פרעמדן עמעצן וועט געוויס זיך אָפּרופן... און
מאזאָלעס האָב איך געזעען, אז מייַן מיין פארשטייען, און אז
אונטן־ארום שפּעטן פון מיר, און פון זייער אייגן איר־ליבע־צור־
דערגרייכן האָבן זיך מעיאעש געווען, און דערפאר זייַנען זיך אין
מיר מיסקאנע, און ווילן אויך מיר די זאך צעשטערן... האָב איך
א צייַט דאן געפונען, און איינמאָל, ווען איך האָב זי גייענדיק
מיט פולע עמער דערזעען, האָב איך זי אָפּגעשטעלט מיט די
עמער, בין איר אנקעגן געבליבן, און אזוי בלייַבנדיק מייַן גאנץ
הארץ איר גענומען אופדעקן: און אזוי, און אזוי, און פון זינט

זי אין הימל געקומען, איז צו איר מײַן אויג געווענדעט, און פון זינט זי האָט אונטערוואקסן גענומען, האָט זיך מײַן האשגאָכע פון איר ניט אָפּגעטון, און פון אלעמענס אויגן האָב זי געהיט, און די צײַט דערלעבט, די אַזוי געוואַרטע פון לאנג, און מײַן ברונעם איז פאר איר, און די גאנצע וועלט־שעפע פון איר וואָרט הענגט אָפּ: און ווערט זי זײַנע, אזוי וועט ער אף דער ערד זײַן גאנץ גוטס אָפּגעבן און פון דער וועלט צוריק א גאניידן מאכן, און זי איז די וועלט זײַנע, און זי איז אים ליבער פון דער וועלט...

האָט זי מיך אויסגעהערט און שטיין געבליבן, געשטאנען און ווי פארטראכט געווען, און דאן, און אז איך האָב איר פארטראכטקײַט פאר איר צושטימען אָנגענומען, פאר איר געניגטקײַט צו מיר, און מיר מײַן טאָן־פּאַר־איר און זאָרגן געדענקענדיק, האָב איך אף גיך די עמער אראָפּלאָזן געוואָלט, זיי אוועקשטעלן און צו איר זיך דערנעענען, האָב איך די עמער א קער געטון און זיי אויסגעגאָסן, און זי האָט זיך צעלאכט און מיך פון מײַן אײַלעניש ניכטער געמאכט:

— כא, כא, פעטער, איר האָט דאָך די עמער אויסגעגאָסן...

— כא, כא, פעטער, וואָס האָט איר געזאָגט?

און איך בין שוין נישט געגענדיק און נישט צוגייענדיק אזוי געבליבן, און זי איז אוועק און מיר פון די אויגן פארשוווּנדן. און פון דעמאָלט אָן האָבן מיר זיך נישט באגעגנט און איינס דאָס אנדערע אויסגעמיטן, און פון דעמאָלט אָן זיך נישט געטראָפן און מער דאָס פארן מויל נישט געבראכט...

און מאזאָלעס זײַנען געוואָרע געוואָרן דערפון, און מאזאָלעס האָבן זיך אָנגעשטויסן, און זי האָט זיי נישט געזאָגט גאָרנישט, אָבער דערציילן זיי דארף מען נישט, און טאָמיד און ווען איך בין פארבײַ זיי דורכגעגאן, האָבן זיי אף מיר מיט די פינגער געטײַטלט, געשמייכלט און איינס דאָס אַנדערע אף מיר מיט די אויגן זיך אָנגעוויזן...

און זי איז נאָך אַ צײַט פרײַ געוועזן און נישט געקערט צו קיינעם, ביז זי האָט איינמאָל אים דערזעען, דערזעען און אים ליב געקריגן, דערזעען — און מיט לײַב און מיט לעבן, און ווי אזא יוגנט, און ווי אזוינע קאָנען ליב קריגן...



און געווען איז דאָס דער שטערן, נעבן וועלכן איר פאָטער און איר מוטער האָבן זיך איר באוויזן, און געווען איז דאָס ווידער אן אפּדערנאכט אמאָל, און איך האָב זיך דעמאָלט נאָך דער טאָג־ארבעט ארום אונדזער מאזאָלעס־גאָרטן ארומגעדרייט, ארום פארקאן, און אלע ווײַלע אין אינווייניק ארײַנגעקוקט, און אינווייניק בין איך ניט ארײַן, ווײַל אינווייניק איז דאן זי געווען, און פארבראכט האָט זי עפּעס אליין דאָרט, און עפּעס שלאָפן נישט געגאן, ווי אלעמאָל. און אין גאָרטן איז דאן א זעלטן אָוונט־ביימער־שטילקײַט געווען, און נאָך מער, ווי אין די ביימער, האָט דאָס שטילקײַט אף די ווײַסע זאמד־סטעזשקעס גערוט, און דער גאָרטן האָט מיט הימל־מאזלדיקס געשמעקט, און אויך מיט ערד־גוטס, וואָס די ערד האָט דאן פון איר טיף ארופדערלאנגט. האָב איך דערזעען, ווי נעבן יענעם שטערן האָט זיך א קינד באוויזן, א קליינס און א שאָליעכל, און דאָס קינד האָט אין דער האנט א לאמטערנדל געטראָגן, און דאָס לאמטערנדל האָט געברענט, און דאָס קינד האָט דאָס אין דער האנט, ווי אין א וועג ערגעץ אָנגעגרייט, געהאלטן. און דעמאָלט, און דער שטערן איז גרעסער געוואָרן פון א שטערן, און געוואקסן און אויסגעוואקסן איז ער מיט זײַן קײַלעכיקײַט, און פארטונקלט און פארדעקט איז ער אָבער געווען, נאָר בא א זײַט זײַנער אַיינער און סאמע בא זײַן ראנד האָט זיך א דינע און קײַלעכיקע ליכט־שארף אויסגעשארפט, און ווי דאָס קײַלעכיקײַט פון א טווּע־מעסער בא א לעוואָנע אין די ערשטע טעג פון איר געבוירן האָט אויסגעזעען; — האָט דאָס ליכטיקײַט דאן דעם שטערן באלויכטן און אין שטערן האָט זיך א פּאָנעם באוויזן, און אין דער רעגע האָב איך פון דער זײַט גאָרטן און זי פון יענער זײַט דאָס פּאָנעם יענץ באמערקט, און זי האָט אירע הענט צו איר קאָפּ ארוף א הייב געטון און מיט זיי ווי די האָר פונהינטן פאריכט, און זי האָט זיך עפּעס פארשעמט, און זי האָט די אויגן פון אהין צו קוקן אראָפּגעלאָזט. און דער שטערן האָט אף איר יאָ געקוקט, און אויך מיך האָט ער געזעען, און פאר מיר האָט ער זיך ווי געשעמט אביסל, און דאָס קינד מיטן לאמטערנדל האָט זיך דעמאָלט פון זײַן אָרט אָפּגעטיילט, און אראָפּ און צו אונדז, גלײַך צום

גאָרטן צו און צו איר — אין פֿאַרשעמטקייט־שטיין זיך אַראָפּ־
געלאָזט. און דאָס קינד איז אַזוי געגאַנגען און דעם וועג באַ־
לויכטן, און זי האָט אונטן־אַרום אַלע ווײַלע מיט אַן אויג אַרויף
אַ קוק געכאַפּט און דאָס קינד און זײַן אָנקומען באַמערקט. און
זי איז ווי אומרויִק געווען און אײַנגעשטאַנען שלעכט, און דאָס
קינד איז פֿון דער ליכט אַראָפּ און גלײַך צו איר און אין גאָרטן
זיך צוגעשטעלט. און דאָס קינד האָט זי אין אַ זײַט דאַן אָפּגע־
רופֿן, צווישן ביימער און פֿאַרשטעלט ערגעץ, און זי האָט זיך ווי
געקווענקלט און אין אָנהייב נישט זיכער געגאַנגען, און דאָך האָט
מען געזען, ווי זי האָט זיך דעם קינד נאָכגעצויגן, און נישט
אַזוי דעם קינד, ווי דעם אויבן־שטייענדיקן און אַף איר קוקנדיקן
שטערן פֿאָלגנדיק. און זי איז צווישן ביימער געקומען, און וואָס
זי האָט דאָרט געטון מיטן קינד, ווייס איך נישט, און עפּעס האָט
עס איר געזאָגט, און עפּעס האָט עס איר איבערגעגעבן, וואָס
וואָס האָב איך נישט באַמערקן געקאָנט; און דערנאָך, און אַז
דאָס קינד האָט זיך צוריק אין לופֿט אופֿגעהויבן און צוריק מיטן
לאַמטערנדל אַף צוריקוועגס זיך געלאָזט, האָב איך געזען, ווי
זי איז פֿון הינטער די ביימער אַרויס, גיך אין אײַלעניש פֿון
גאָרטן זיך אַרויסגעלאָזט, דורך דער פֿאָרטקע דורכגעשלײַכט און
זי פֿאַרמאַכט נאָך זיך, און שטיל און בעייסן פֿאַרמאַכן די
פֿאָרטקע האָט צום לעצטן מאָל דעם קאָפּ אַרויף אַ הייב געטון
און מיט אויגן אַהין אַ קוק געגעבן, אַ קוק און באַלד אַוועק, און
אַהיים און צו איר געלעגער אָפּגעלאָפֿן...

און זי איז אַן אַנדערע געוואָרן, און איך האָב וואָס ס׳איז
געשען געוווּסט. און אַנדערע מאַזאָלעס, וואָס האָבן נישט געוווּסט,
האָבן דאָס אויך אַף איר באַמערקט, און באַשטענדיק האָט זי זיך
אין איין די־האָר־פֿאַריכטן געהאַלטן, און עפּעס פּלוצלים פֿלעגט
זי זיך פֿאַרויטלען און ווי פֿאַר זיך אַליין זיך פֿאַרשעמען, און פֿון
דעמאָלט אָן און אָפּט פֿלעג באַמערקן, ווי זי פֿלעג צום ברונעם,
ווען איך בין ניט געווען, קומען, פֿלעג זיך איבער אים איבער־
בויגן און שטיל און אײַלנדיק אין אים און אין זײַן טיפֿקײַט זיך
שפּיגלען... און אויך אין גאָרטן איז זי אַן אָפּטער גאַסט געוואָרן,
און אַף יענעם אָרט צווישן די ביימער פֿלעג ווי עפּעס דאָרט



פֿאַרגעסנדיק אַהין זוכן קומען: דאָס האָט זי זיך דאָרטן מיט דעם
בילד פֿון שטערן באַהאַלטן, מיט דעם, וואָס דאָס קינד האָט איר
געבראַכט און וואָס זי האָט עס פֿון אַלעמען באַהאַלטן געהאַט,
און נאָר איך איינער האָב געוווּסט דערפֿון, ווײַל איך האָב איר
נאָכגעקוקט און זי באַמערקט עס צו האָבן...

און איך בין טרויעריק געוואָרן, און איך האָב מײַן אַרבעט
פֿאַרלאָזט, און מײַנע עמער פֿלעגן וואַרטן אַף מיר, און איך
פֿלעג זיי אַ צײַט נישט געדענקען. און אַף דער ערד זײַנען
גרויסע היצן געוואָרן, און גראָזן און ביימער האָבן זיך אַ טרונק
געבעטן, און פֿעלדער האָבן געטריקנט, און וועלדער האָבן זיך
געריכערט, און טעכער זײַנען אײַנגעגאַן, און פֿון קליינע טײַכלעך
זײַנען די בעטן ליידיק געשטאַנען, און איך האָב עס נישט באַ־
מערקט, און מאַזאָלעס פֿלעגן מיר דערמאָנען דערפֿון, און אויך
דעמאָלט פֿלעג איך פֿויל אַרבעטן, און אויך דעמאָלט פֿלעג אָן
כיישעק טון...

און זי איז אויפֿגעלעבט געווען, און אַ סימכע האָט איר פֿון די
אויגן אַרויסגעקוקט, און מאַזאָלעס פֿלעגן זיך אין איר שפּיגלען,
און מיט איר אויפֿגעלייגטקײַט אויך אַליין אויפֿגעלייגט זײַן, און
געוווּסט האָבן זיי נישט וואָס, נאָר דאָך געוווּסט, אַז איר צײַט
דערנענטט זיך שוין זיכער...

און אין אַ שטיקל צײַט אַרום, אין אַ צווייטן אָוונט, האָט
איר דעם שטערנס שאָליעכל מאַטאָנעס געבראַכט: האַלדז־בענדער
און פּערל־צירונגען, אויר־ינגלעך און רינגעלעך־מאַטאָנעס. און זי
האָט זיי שוין נישט אויסבאַהאַלטן געקאָנט, און דערזעען האָבן
די מאַטאָנעס באַ איר אַלע, און אַלע האָבן זי אַרומגערינגלט און
זיי געהאַלטן און געשאַצט אין טײַערקײַט, און זי האָט וואָס צו
טון נישט געוווּסט, וואָס צו זאָגן און וואָס צו ענטפֿערן, און
אַלע האָבן זי אויספֿרעגן גענומען, און אַלע האָבן זי מיט פֿראַגעס
אַרומגערינגלט, און זי איז פֿון ברונעם צום גאָרטן געלאָפֿן, און
פֿון גאָרטן צום ברונעם, און הין און צוריק, און יונגע פּיס האָבן
זי געטראָגן...

און איך האָב דעם קאָפּ פֿאַרלוירן, און איך האָב זיך אין
שטערן מיסקאַנע געווען, און איך האָב מיט איר גאָרנישט ניט

גערעדט, און זי האָט מיך אויסגעמיטן. און איר פרייד פאַר מיר ווײַזן האָט זי נישט געוואָלט, און איך אַף איר פרייד קוקן האָב נישט געקאָנט, האָב איך זיך אָפּגעזונדערט און זי און אויך די מאַזאָלעס אויסגעמיטן. און אַמאָל אין אַן אָוונט איינעם איז דער הימל־בעטלער געקומען, געקומען און אַלע מאַזאָלעס צונויפגערופן, זיי צונויפגערופן און זיי אַזוי געזאָגט:

— זײַט גרייט, מאַזאָלעס, מאַזל־יונגפרוי ווערט בײַ אײַך צוגענומען!

— וואָס איז?

— זי ווערט אופגעבראַכט און פאַר אַ גרויסן שטערן אָפּגעגעבן. זײַט גרייט, איר ווערט אַלע צו דער כאַסענע געבעטן.

און די מאַזאָלעס האָבן זיך גרייטן גענומען, און זיי גרייטן זיך שוין פון אַ צײַט, און די קאַלע האָבן זיי מיט ליבע אַרומגערינגלט, און זי ווערט פון אַלעמען מיט אַלעם ליבסטן באַזאָרגט, און זי איז שטיל און האָט זיך זייער געטרײַשאַפט איבערגעגעבן, און זיי לערנען זי, און זיי אײַצענען זי, ווי זי זאָל זיך פירן און ווי זיך האַלטן באַדאַרף; און אַלעמענס הענט זײַנען איצט מיט אַרבעט פאַרנומען, פאַר זיך און פאַר דער קאַלע צוצוגרייטן, און זיי בענקען שוין און קאָנען זיך נישט שיידן, און דערווײַל גיבן איר דאָס בעסטע אָפּ, פון אַלעם גוטן און וואָס ס'פאַרמאָגן נאָר מאַזאָלעס... איינער נאָר איך קאָן אַף דער כאַסענע נישט זײַן, איינער נאָר איך קאָן זיך פון דער קינע נישט באַפרײַען, און (דאָס זאָג נאָר דיר) אין דער שטיל האָב באַשלאָסן מיט ליידיקע עמער איר איבערצוגיין...

און דאָס, וואָס דו זעסט אַף דײַן ערד אַצינד, דאָס איז אַדאַנק מײַן אָפּגעלאָזנקײַט געוואָרן; מײַן שעפּע האָב פאַרשלאָסן, און אַף דײַן וועלט איז וואָס ס'איז געוואָרן, געוואָרן, און די ערד דאַרף טרינקען — טרינקט זי בלוט פאַר וואַסער, און מענטשן דאַרפן עסן, עסן זיי מענטשן פאַר ברויט, און גײַסט גייט אין די הײַזער און שפּײַזט זיך פון אָפּפאַל און שטיקלעך דאַרע, און מענטשלעכע זעערס זײַנען מיט אויגן־קראַנקײַט געשלאָגן, און געוויסע וועלט־פאַרזאָרגערס אין די שענקען שיקערן, און פּאָעטן — שפּעטן, און געוויסע דיכטער, אַז זיי הערן מאַזאָלעס די נעז



שנײַצן, נעמען עס פאַר דונערן, און פאַר גרויסע געשעענישן אָן. — טפוי! — און דער איקער, דער נאַכט־שלעפער, זאָגט מען, שלעפט זיך שוין אין די שענקען אַרום, און צווישן אַזוינע, ווי ער, צווישן אויוועראַ־באַטעלע און קראַנקלינגען, מיטגלידער פאַר זײַנער אַ כעוורע, פאַר „צאַר־באַלעכאַים” ווערבעוועט...

— און אָט האָסטו דיר די מײַסע, שלעפער, און דאָס האָט מיר דער מאַזל־עמער דערציילט.

— נישקאָשע פון אַ שטיין אין מײַן גאָרטן! — זאָגט דער נאַכטשלעפער.

— יאָ, נישקאָשע, שמייכלט דער גײַסט.

— נו, און וווּ ביסטו מיט דער כאַסענע?

— איך בין אויך פאַרבעטן און גיי.

— און פאַר די ליידיקע עמער?

— כ'האָב קיין מוירע ניט.

— וואָס איז?

— דער הימל־בעטלער האָט אונדז אַ וועג אָנגעוויזן. און ס'איז אַזוי געווען: — ווען איך בין אין דער לעצטער צײַט איינמאָל מיט דער וועלט־מאַסע אַפן אַקסל געגאַנגען, פאַרטראַכט געוועזן און פאַרקלערט און פאַר מײַנע זאַכן טאַכלייסים פאַרזאָרגט. און שווער און ביטער איז מיר אַפן האַרצן געווען פון דער צײַט קלערנדיק, און וויסט איז מיר געווען און אַ באַרג מיט פראַגעס האָט אַף מיר געהויערט; און געדענקט האָב איך וואָס מע פרעגט מיך אָפּ באַשטענדיק, און אַלע שפּעטערס און אָפּלאַכערס האָבן זיך מיר פאַר די אויגן פאָרגעשטעלט, און פון איינער אַ פראַגע האָב איך זיך ניט באַפרײַען געקאָנט: „ס'איז דאָך אין די הענט בײַ דיר... איין שלעכטן האַלט, און די מאַסע דיר פון די אַקסל פאַלט, און — פּאָטער, און דאָס געוועזענע איז אויס, און דאָס קומענדיקע וועט ניט קומען, און נאָך וואָס האַלטן זיך מיט דעם, און צו וואָס וועסטו דאָס ברענגען, אַז דער וועג איז אָנגעצייכנט און דער גאַנג איז אויסגעשטעלט, און אַרויסגיין פון אים איז אוממעגלעך?...”

— „מעגלעך!” — האָט מיר עפּעס פלוצים אין די אויערן דאַן אַ זאָג געטון. און אַז איך האָב זיך אויסגעדרייט און פון וועמען

דאָס פּלוצימדיקע קאָל קומט, זען געוואָלט, האָב דעם הימל־בעטלער מיט אַ פרײלעך געמיט און מיט אַן אופגעלײגט פּאָנעם דערזען און ער האָט מיר אַ זאָג געטון אַף דער גיך: —

— וועלט־טרעגער, ביסט אין הימל אײַנגעלאַדן, בײַ דער כאַסענע פון שטערן מיט מאַזל־יונגפרוי בײַצוזײַן, און לאָז זיך ניט בעטן.

האָב איך געזאָגט: ווי אַזוי זאָל איך גײן און ווי אַזוי קאָן איך כאַסענעס אין זינען האָבן, אַז מאַזל־עמער האָט פון אונדז די שעפּע אָפּגעטון, און מאַזל־עמער האָט זײַן ברונעם געמאַכט אויס־טריקענען, און זײַן אַרבעט האָט פאַרלאָזט און זײַנע עמער זײַנען צעלעכצט, און מיר האָבן באַלד ניט מיט וואָס צו קומען.

האָט מיר דער בעטלער געענטפערט: — האָב קײן מוירע ניט, בײַ דער כופּע וועט עפּעס געשען... בײַ דער כופּע וועלן די זיבן גײ־שטערן און די זיבן בעטלערס זײַן... און זײַן וועט דעמאָלט אַן אײס ראָצוין, און אַלע, וואָס נײטיקן זיך, ווערן אַהין צו יענער שאָ אײַנגעלאַדן און וואָס געהערט דיר און דײַן מאַסע, וועט איר מער פון דײַן מאַזל ניט אָפּהענגיק זײַן, וועסטו דאָס, וואָס האָסט אַלע יאָרן געגאַרט, פּויעלן, וועסטו דערהײבן ווערן און העכער פון מאַזאָלעס שטײן...

— וואָס הײסט?

— ס'איז מעגלעך און זײַ נאָר דערבײַ... און אָט האָסטו דיר אַ וועג, און אָט גײט ער באַרג־אַרוף, און גײסטו מיט אים, וועסטו דעם מאַזל מיט זײַנע עמער אויסמײַדן... און איך בין אַוועקגעגאַנגען מיט דעם וועג און באַלד אַרוף זיך גענומען, און באַלד האָב איך ווינטן פון הימל־גערעדער דרײען זיך דערהערט, ווײַטע און פרעמדע, און וואָס איך האָב קײנמאָל ניט געהערט אַזוינע, און געזאַנגען פון פרעמד־זונען האָב פאַרנומען, וואָס זײערע פײַער־רעדער האָבן מיר פאַר די אויגן געשווינדלט, און אויך איך האָב זיך צעזונגען און אַפּן וועג מיט נאָך אַזוינע, ווי איך זיך באַגעגנט, און אַלע זײַנען אײַנגעלאַדענע, און אַלע אַהין און אין דערהויבנקײַט גײען, און פאַר אַלעמען דער הימל־העלפאַנד גײט און מיטן שווערן קאָפּ זײַנעם שאָקלט, און מיט בערג און מיט גוטס, און מיט כאָסן־קאַלע־מאַטאָנעס, כאָסן־קאַלע צו דערפרײען...



— און דאָס איז דיר מײַן גדולע און מײַן באַרג־אַרוף, שלעפּער, און איצט גײ איך...

און דער וועלט־טרעגער הײבט זיך דאַן פון באַם טיש־זיצן אוף, פון זיצן און פון דערצײלן לאַנגן, און אויך דער נאַכט־היטער מיט זײַן געפּעלצטקײַט שטײט אוף, און אַף זײַן פּאָנעם איז גאָרניט צו דערקענען, אַזוי געקומען, אַזוי פאַר דער מײַסע, אַזוי אויך איצט און נאָכן דערצײלן, זעט אויס, און ער פאַריכט דעם פּעלץ זיך היטעריש, און דאָס היטער־פײַפעלע אַף זײַן ברוסט־ברעטל געפינט און ער קערעוועט זיך צום פענצטערל פון צימער אויס, און זעט, אַז יאָ, אַז אין דרויסן טאַקע טאָגט שוין באַלד, גיט ער דאַן אַף שלעפּער עפּעס אַ קוק אַ בײזן, און שלעפּער, ווי אין דער ערד פאַרשווינדט, און וועלט־טרעגער לאָזט זיך פון צימער אַרויסגײן, און פאַרן אַוועקגײן, גיט נאָך אַף די שיקורים, אַף די באַם טיש שלאָפנדיקע, אַ קוק, און פאַרלאָזט זײ שטיל, און אַזוי נאָך אים דער היטער; און אין דרויסן דער טאָג שוין פאַרנעמט זיך, און אײנציקווײַז פון די הויפן, מיט די בעזימער אין די הענט די הויף־היטער אַף צו פאַרקערן און די גאַסן רײניקן זיך באַווײַזן, און דער וועלט־טרעגער זאָגט אַ גוטן טאָג דעם היטער און גײט פון אים אָפּ, און דער היטער גײט צו זיך אַוועק, צו זײַן הײם און צו זײַן שטוב, אום פאַר דער נאַכט דעם טאָג צו רוען...

און אינדערפרי, אַז גרויסער טאָג איז שוין אין שטאָט, אַז הויכע זון איז שוין אין הימל, גרויסער ראַש אַף די גאַסן, און די גאַסן שוין אָפּגערײניקט, אום ווידער פון טאָג און טומל פאַר־שמוצט צו ווערן; און טרעגער מיט וועלט איז שוין ווײַט, מיט זײַן מאַסע און מיט זײַן שווערער באַרג־אַרוף צו טראָגן, און מיט איר זיך צו מיִען, — דערוועקט זיך ערשט דאַן דער אוילעם, דער אַף דער נאַכט פאַרבליבענער, אין שענק אין „סאַגענאָער", דער־וועקט זיך און ווישט זיך די אויגן אויס, און נאַכטיש בלאַס זײַ־נען זײ און בלאַסע שמײכלען אַף זײערע ליפּן, פאַרלאָזן זײ דאַן דאָס צימערל אין „סאַגענאָער" און אַף דער גאַס אַרויסקומען, קומען אַרויס און צום ערשטן צו אַן אומרײן אָרט ווענדן זיך, גײען אַהין אַרײַן און מיט די פּענימער צו די ווענט שטעלן זיך, שטעלן זיך אַוועק און גיבן דאָס נאַכט־געטראַנק דאָרט אָפּ...